ישׂראל שטערן

# צוויי לידער*

## יאָרן

א

אין גרינעם, גרויען טונקל־אומעט
פון די לעצטע ביימער־שורות,
ביים עק וועלט דאָרט — בייגט דער הימל
זיך פאַרזיכטיק אַראָפּ צו דר׳ערד
און הערט זיך צו צום שטילן גאַנג
פון די יאָרן, וועלכע שווימען
ווי אַ טרער אַרויס און פאַלן
אַראָפּ דאָרט ערגעץ ווי אַ טרער.

ב

נאַכט ביי נאַכט זינגען
שוואַרצאויגיקע וועלטן
שוואַרצהאַרציקע לידער,
און עס פאַלן פאַר מורא
די שטערן אַראָפּ:
„ווער איז דער טאַטע?
ווער איז די מאַמע?
עס ווערן די יאָרן
געבוירן אויף הפקר.
ווייט הינטער וועלדער
אויף אַ ווילד־פרעמדן אינדזל
ליגן די יאָרן
אויף הפקר געוואָרפן,
בלינדע און קרענקלעך
און שוואַרץ ווי די וועלדער
און שטום ווי דער אינדזל —
און קענען ניט וויינען
און קענען ניט וויינען...
און עס הענגט איבער זיי
אַ קללה פאַרשטאַרט״.
נאַכט ביי נאַכט זינגען
שוואַרצאויגיקע וועלטן
שוואַרצהאַרציקע לידער,
און עס פאַלן פאַר מורא
די שטערן אַראָפּ.

ג

דיננן! — דיננן! — דיננן! —
לויפן די שעהען
פון שטאָטישן טורעם
אַראָפּ אין דער וועלט
און דערציילן פאַרויס:
אַ יאָר ווערט געבוירן! —
קלינגען די שעהען
אַראָפּ אויף די שטיינער
ווי קופּער־מטבעות
אין דער פּושקע פון „צדקה
תּציל ממות...״
דיננן! — דיננן! — דיננן! —
אַ הונט קומט צו גיין
און בלייבט שטיין אין מאַרק
מיט צוויי נאַסע אויגן

* די צוויי אומבאַקאַנטע לידער פונעם קדוש ישׂראל שטערן, האָבן מיר באַקומען פון הערץ גראָסבאַרד. די כתב־ידן פוןביידע לידער האָט שטערן איבערגעגעבן גראָסבאַרדן אַרום אָנהויב די דרייסיקער יאָרן.

און געדענקט ניט דעם וועג
אין דאָרף צום בעל־בית — —
דאָס יונגע יאָר בלאָנדזשעט
פון שטאָטישן טורעם
אַריין אין דער נאַכט
און פאַלט אויף די שטיינער
פאַרמאַטערט אַנידער
און ווערט דאָרט צעבראָכן...
דינגען! — דינגען! — דינגען! —
אויפן שוואַרץ־בלויען לייטער
פון דער שוואַרץ־בלויער נאַכט
טרוימט שווער אַרויף
מיין האַרץ צו דעם טורעם,
ווו אומרויִק וואָרפט זיך
דער גלאָק פון דער צייט
אין נאַכט־בלינדן זייגער...

און עס פאַלן די שעהען
ווי בלעטער אין תשרי
אַראָפּ אויפן ברוק,
אַזש ס'קרעכצן די שטיינער
און דערציילן די גאַסן:
„איטלעך יאָר וואַנדלט
פון שטערן צו שטערן
און געפינט ניט קיין תקומה
און אַנטלויפט מיט זיין אומגליק
פון גאָט און די הימלען
און פאַלט ווי אַ זינדיקער
מלאך אַראָפּ
און זוכט זיך אין אונדזער
קאַלטער מלוכה
זיין אייביקע רו...“